Rok I — Kraków, 12 marca 1909 — קראקא, י"ט אדר תרס"ט. — Nr 9

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 — 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Judische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקא 62 טעלעפאן נ' 412.

עסטרר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר' 57,841.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נר' 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר' 16.

## רויב איבערפאל אין קראקא.



באנדיטען איבערפאלען די פאמיליע גראיאווער אין קראקא.

אינהאלט: ערב־מלחמה — א דריי־יעהריגער קאיזער — א ראפעלטע שמחה — דאס טירקישע פארלאמענט — מאנעווער אים ווינטער — שיך אויף רעדער — הוננערקינסטלערין — די האלענדישע קעניגין — א קינד פערברענט — באראן נינצבורג — דר. אראלף ראדין א. ז. וו.

# רויבאיבערפאל אין קראקא.

קראקא ווערט ביסלעכווייז טאקי א גרויסע שטאדט. צוואר „וויעלקי קראקאוו" איז נאך נישט סאנקציאנירט. דעמבניק און זוויערזיעניין געהערען נאך נישט צו רער אלטער פוילישער קעניגס־שטאדט; מיר האבען אויך נאך נישט קיין ניי נעמיינדע־שטאטוט מיט קיין אלגעמיינע וואהלרעכט; — אין שטאדט גופא קען מען נאך היינט זוכען א האלבע שעה אויף א פיאקער און נישט בעקומען; בלאטע איז פאראהאן אין אלע גאסען ווי להבדיל אין טשוחוב אדער פאצאנאוו — אבער רייבער, באנדיטען, אט מיט דעם מין זענען מיר שוין געבענשט ווי א אמתיר כרך גדול, ווי א ווירקליכע גרויסע שטאדט. מיר ברויכען זיך נאר נישט צו שעמען. רייבער אנפאלען, שיעסען, רויבען, פלינדערן, דאס איז שוין ביי אונז קיין נייעס נישט... מיר געוועהנען אונז ביסלעכווייז דאצו.

אבער דאס, וואס ס'איז געשעהען לעצטען פרייטאג צו־נאכט, צווישען 6 און 7 א זייגער, אויף א בעלעבטער גאס, אין א בעלעבט הויז — דאס איז שוין טאקי דאס העכסטע און גרעסטע צייכען פון א גרויס־שטאדט. אזוינע מעשיות האבען זיך ביז איצט העכסטענס געטראפען אין לאנדאן אדער ניו־יארק... איצט טאנצט שוין אונזער קראקא אויך זיי נאך...

אויף דער זוויערזיניעצקי־גאס נר׳ 18 וואהנט ה׳ גראיאווער, אן־עלטערער יוד, בעזיצער פון א וועקסעל־שטוב אין רינגפלאץ, פרייטאג אבענד, צווישען 6 און 7 א זייגער, אין דער וואהנונג איז געוועזען ה׳ גראיאווער מיט זיין פרוי, זיין פלעמעניצע בראנדסדאפער, א יונג מיידעל, און די 22 יאהר אלטע דיענסט שפרה דאנן. די דיענסט איז געלעגען אין קיך אויס׳ן בעט און האט געשלאפען. גראיאווער מיט זיין פרוי און פלעמעניצע זענען געזעסען אים סאלאן.

פלוצים קומט אריין עפים א פרעמדער מאן און האלטענדיג פערדעקט דאס פנים מיט א רויט טיכעל פרעגט ער:

— געפונט זיך דא נישט מיין פרוי?

גראיאווער איז שטארק דערשראקען געווארען זעהענדיג דעם פערדעכטיגטען פרעמדען און ענטפערט שנעל: „וואס ווילט איהר. דא איז קיינער נישט דא!" אבער אין דעם מאמענט איז שוין דער באנדיט אויף איהם צוגעשטירצט און פרובט איהם צו דערווארגען. באלד קומען אויך אריין נאך דריי אנדערע באנדיטען און נעהמען זיך צו דער פרוי און דעם מעדכען. איינער פון זיי װארפט אראב די ברענענדיגע לייכטער פונ׳ם טיש, כדי אין שטוב זאל ווערען פינסטער. אין הענגעל־לייכטער אבער ברענען אויך ליכט און זיין אפזיכט געלינגט נישט.

ווער ווייסט, וואס מיט דער משפחה גראיאווער וואלט געשעהען, ווען די באנדיטען וואלטען נישט געווען איבערוועהען ביים אריינקומען די שלאפענדיגע דיענסט.

דיזע האט זיך פלוצים אויפגעכאפט הערענדיג פון צימער דאס חראפען און זיפצען פון די דערשטיקטע, זי קומט אריין און דערזעהט פאלגענדע סצענע: דריי פון די באנדיטען פאכען זיך ארום די דריי פערזאנען, וואס זענען געווען אין צימער. וועהרענד דער פיערטער קוקט צו דאס גרייטע. ווען ער דערזעהט זי, רופט ער איבעראשט:



ערב־מלחמה: דאס לעבען פון די עסטעררייכישע זאלדאטען אין באסניען.

— הע, ס'איז דאך נאך דא די דיענסט אויך!

ער ציעהט ארוים א מעסער און נעמט זיך צו איהר:

— זאג נאר, וואו ליענט דאס געלד בעהאלטען?

— איך ווייס נישט! — ענטפערט זי.

— דו זאגסט ליגען! — רופט ער און וויל זיך אויף איהר װארפען, אבער עס געלינגט איהר זיך ארויס־צודרעהען און ארויסצולויפען אויף די טרעפ פון הויז רופענדיג: „הילף! הילף!" מען דערהערט די גראיאווער'ס. דער באנדיט שיעסט איהר נאך מיט א רעוואלווער. אבער ער טרעפט נישט.

די באנדיטען זעהען איצט, אז ס'איז שלעכט, לאזען זיי אב פון די גראיאווער'ס און לויפען ארויס. דערווייל זענען עטליכע בעוואהנער פון הויז ארויסגעקומען און דער שוסטער פלאקאוויטש פרובט די באנדיטען צו פאקען, איינער פון זיי שיעסט אויף איהם צוויי מאל, אבער ער טרעפט נישט. און אין דעם ווירוואר געלינגט עס זיי אלע ארויסצולויפען אויף דער גאס און צו פערשווינדען.

מען האט באלד פערשטענדיגט די פאליציי, וועלכע האט זאפארט איינגעלייטעט א שטרענגע אונטערזוכונג אין אלע פערדעכטיגטע ערטער, אבער ס'איז נישט געווען פון די באנדיטען קיין שפור צו געפונען. אין שטוב האט מען בלויז געפונען דאס רויטע טיכעל, מיט וועלכען איין באנדיט האט זיך פערשטעלט דאס פנים, און א קאלאש, וועלכען איינער פון דער חברה האט פערלוירען. דעם אנדערן טאג האט מען אויך געפונען נישט ווייט פון דעם הויז דעם צווייטען קאלאש; וואהרשיינליך האט איהם דער באנדיט אפזיכטליך אוועקגעווארפען, כדי זיך נישט צו פערראטהען.

דאס הויז, אין וועלכער דער שרעקליכע איבערפאל איז געשעהען, איז שטארק בעוואהנט. דער איבערפאל איז געשעהען נאך איידער ס'איז גוט נאכט געווארען און דאס בעווייזט, אז מען האט דא געהאט צו טהון מיט א שרעקליכער באנדע, וועלכע וואגט אזא איבערפאל.

די גראיאווער'ס האבען זייער רעטונג צו פערדאנקען דעם אומשטאנד, וואס די באנדיטען האבען נישט בעמערקט ביים אריינקומען די שלאפענדיגע דיענסט. וואלטען זיי זיך געווען מיט איהר צוערשט אבגעגעבען, ווער ווייסט, וואס דער סוף פון דער פאמיליע וואלט געווען.

דורך א צופאל זענען די גראיאווער'ס געראטעוועט געווארען. און דורך א צופאל זענען אויך די באנדיטען



ערס־מלחמה: סערבישע ארטעלעריע און אינפאנטעריע.



ערב-מלחמה: דער נייער סערבישער מיניסטער דעם א נערן נאוואקאוויטש.



דאס טירקישע פארלאמענט: א זיצונג פון פארלאמענט.

געפאלען דער פאליציי אין די הענד. שבת און זאנטאג דעם גאנצען טאג האט די פאליציי געזוכט און געזוכט און קיין שפור געפונען. זאנטאג אבענד בעמערקט א געוויסער שמואל רייכקרויט אין א עפענטליך הויז אויף דער וואזדזינצא-גאס צוויי יונגע לייט, געבען דארט אויס פיעל געלד; די פערשוינען ערוועקען זיין פערדאכט, וועלכער ווערט נאך פערשטארקט דורך דעם, וואס ער דערזעהט ביי איינעם פון זיי א רעוואלווער. ער געהט ארויס מעלדען דער פאליציי און שאקי באלד קומען דריי וואך-מענער אנקוקען די פערדעכטיגטע פערשוינען.

אבער זיי זענען דערווייל אוועק אויפ'ן וועג קיין פאדגורזע. מען איילט זיי נאך און פערלאנגט, זיי זאלען מיטקומען אויף דער פאליציי-עקספאזיטור. אין דער מינוט ציהט איינער ארויס א רעוואלווער און שיעסט אויס. אין דער פערווירונג געלינגט עס איהם צו אנטלויפען, כסדר ארום זיך שיעסענדיג. אויף דער גאס ווערט א צוזאמענלויף, דער פאליציי-אגענט איגליצקי און דער קויפמאן יצחק שווארצבערג ווארפען זיך אויף דעם באנדיט אבער ער שיעסט ווייטער און פערוואונדעט דעם פאליציסט אין בויך, דעם קויפמאן אין דער ברוסט און אנשלויסט.

די פאליציי האט דערווייל דעם אנדערן געהאלטען און אפגעפיהרט אויף דער פאליציי. די פערוואונדעטע האט מען פערבינדען און אבגעפיהרט אין שפיטאל אריין. דעם אנטלאפענעם אבער איז מען נאכגעלאפען ביז קיין פאדגורזע אין דער קאללאנטאי-גאס, וואו ער האט זיך בעהאלטען אין דעם הויז נו' 7. דארט פאקט מען איהם און פיהרט איהם אויף דער פאליציי. אין דער טאש געפינט מען נאך א געלאדענעם רעוואלווער.

דער אבערקאמיסער קרזיזאנאווסקי נעמט די פערשוינען תיכף צום פערהער; קודם לייקענען זיי, אבער באלד זענען זיי זיך מודה, אז טאקי זיי האבען געמאכט דעם איבערפאל אויף די גראיאוועריס, זיי זאגען אויך, אויס, וואו עס וואהנען די אנדערע צוויי שותפים פונם איבערפאל. אויך דיעזע ביידע ווערען באלד אין זייער וואהנונג, יאנא-גאס נו' 80 אין קראקא, ארעסטירט און אלע 4 ווערען איבערגעשטעלט דער פאליציי-עקספאזיטור „פאר-טעלענראפעם". מען נעמט מיט זיי אויף פראטאקאל און זיי זענען זיך אלע 4 מודה.

מאנטאג אין דער פריה קאנפראנטירט מען זיי מיט די גראיאוועריס און דאס דיענסטמיידעל שפרה דאגן און פרל, בראנדסדארפער דערקענען אויך טאקי, אז דאס זענען די באנדיטען.

אלע 4 שטאמען פון רוסיש-פוילען, זיי הייסען: יאן סלענזאק, טאקאר, 23 יאהר אלט; יאמאן בעהם, א שלאסער, 25 יאהר; יאזעף סלאן, א מויערער, 21 יאהר; אלפ-ער העמס, א גיעסער, 27 יאהר אלט.

נאך דער אויפנאהמע פון דעם ערשטען פראטאקאל און פארנאהמע פון א דורכזוכונג אין זייערע וואהנונגען שטעלט מען זיי איבער דעם לאנדעס-געריכט.

אין קראקא האט דער פרעכער איבערפאל אנגעמאכט א מורא אויף דער גאנצער בעפעלקערונג. אין די מייסטע וואהנונגען קויפט מען קייטעליך צו צהירען צו פערשליעסען, אזוי אז א פרעמדער זאל נישט קענען אריינקומען. פיעלע לאזען מאכען אין די טהירען אזוינע „קוק-לעכער", דאך וועלכע מען קען זעהען פון אינעווייניג, ווער עס שטעהט אין דרויסען.

הכלל, קראקא ווערט א גרויסע שטאדט, מיט באנדיטען, איבערפעלע, קוק-לעכער און זיכערהייטס-קייטעליך.

טהייערע דירות, טהייער פלייש, טהייער ברויט און טהייער וואסער האבען מיר שוין לאנג!

# ערב-מלחמה?

די פאליטישע לאגע אויף דעם באלקאן וויל גאר נישט רוהיג ווערען, אלע שפעקולאציעס, אלע אינטערווענציעס פון די מעכטע העלפען נישט. די סערבען שפיעלען א צווייזייטיג שפיעל און מען קען פון זיי נישט ארויס.

דאס נייע סערבישע מיניסטעריום אונטער דעם פרעזידיום נאוואקאוויטש האט ביז היינט נישט ארויסגעזאגט קלאר זיין מיינונג, וואס עס וויל. ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען האבען עס אויפגעפאדערט, עס זאל אפען ערקלערען, אז עס פערציכטעט אויף די פאדערונגען, צו בעקומען א טהייל פון באסניען-הערצעגאווינא, אויך רוסלאנד האט אזא מין פאדערונג געשטעלט, עסטערייך-אונגארן וויעדער ערקלערט, אז עס איז גרייט, סערביען צו בעווילינגען ווירטהשאפטליכע הנחות אים נייעם האנדעלס-פערטראג, אבער ערשט דעמאלט, ווען סערביען וועט אפען ערקלערען, אז עס פערציכטעט אויף זיינע פאליטישע פאדערונגען.

כדי די אנטווארט אויף דיעזע פאדערונגען צו בעשטימען, איז איינגערופען א סערבישער מיניסטער-ראטה אונטער פאר-זיץ פון קעניג, וועלכער האט געדויערט עטליכע שעה. וואס די מיניסטער האבען בעשלאסען, איז נישט בעקאנט; פון פערשיעדענע זייטען הערט מען אנדערע ידיעות, מאנכע בעהויפטען, די מיניסטער האבען בעשלאסען נאכצוגעבען; וויעדער אנדער בעהויפטען דאס געגענטהייל און קיינער ווייסט נישט דעם אמת.

טהאט ואך איז, אז סערביען האט צוערשט אריי בערנעשיקט זיין נאטע קיין פעטערסבורג און די רוסישע רעגיערונג וועט זי ערשט רעדיגירען און בעשטימען איהר



ערב-מלחמה: די בריק צווישען זעמלין אונד בעלגראד.



א דריי־יעהריגער קאיזער: קא זער פו־יי פון כינא און פ־ינץ רעגענט טשון.

געגויען אינהאלט. די מעכטע און עסטערריך־אונגארן ווארטען לעת־עתה אויף א אנטווארט.

דערווייל האט באַאן עהרענטהאל געטהון דעם לעצטען שריט. דער עסטעררייכישער געזאנדטע אין בעלגראד איז אריבערגעגאנגען צו דער סערבישער רעגיערונג און ערקלערט, אז אזוי ווי דער האנדעלס־פערטראַג צווישען עסטערריך־אונגארן און סערביען איז בלויז פראוויזאריש און לויפט אב ענדע מערץ, קען עסטערריך־אונגארן איהם נישט ערנייערן, איידער מען ווייסט, אויב סערביען וויל שלום אדער מלחמה... מיט דיעזען שריט האט באַאן עהרענטהאל געגעבען דער סערבישען רעגיערונג די געלעגענהייט, זי זאל זיך אפען ערקלערען, אויב זי וויל פערציכטען אויף די פאליטישע פאָדערונגען אדער נישט.

די פרעסע פון אלע לענדער, אפילו די ענגלישע און איטאליענישע, ערקענט אן, אז דיעזער שריט פון עסטערריך'ס זייט איז זעהר געשיקט און קלוג. סערביען קען איצט זיך אפען ערקלערען, וואס עס וויל אהן א שום בושה.

אבער די סערבישע פרעסע און א טהייל פון דער רוסישער שרייט ווייטער, אז עסטערייך וויל סערביען קרענקען און זי העצט ווייטער צום קריעג.

אין סערביען זעלבסט וענען די הכנות צום קריעג זעהר גרויס. ביי דער באסניער גרעניין זאלען שוין שטעהען נעגען 60,000 מאן; אלע בריקען צווישען עסטערייך־אונגארן און סערביען זענען אונטערגעלעגט מיט דינאַמיט, כדי מען זאל זיי קענען תיכף שפרענגען, ווען דער קריעג וועט זיך אנהייבען. קעניג פעטער וויל איבערזיעדלען פון בעלגראד קיין ניש, אים אינערן פון לאנד, ווייל בעלגראד ליעגט באלד ביי דער גרעניץ. די סקופשטינא האט בעוויליגט ווייטערע 30 מיליאן פאר קריעגסצוועקען.

א צרה פאר סערביען איז נאר, וואס די טירקיי האט איצט פערבאטען, דורכצולאזען דורך טערקיש געביעט קריענס־מאטעריאל פאר סערביען. אים האפען פון סאלאניק ליעגען גרויסע מענגען פולווער, האנדגראנאטען, באמבען, מאשינען־געוועהרע און אנדערע קריעגס־מאטעריאלען פון סערביען, וועלכע וועגען, אבער די טירקיי וועט עם נישט דורכלאזען.

דער טעם איז, ווייל סערביען ערקלערט, אויב ס'וועט נישט בעקומען באסניען וויל עס ווענינסטענס א שטיק פון סאנדשאק נאווי־באזאר. דאס איז שוין טירקיש געביעט און די טירקיי וועט דאך נישט שטיצען איהר איינענעם פיינר.

ווי די זאך שטעהט, איז געפאהר פון קריעג נאר אלץ זעהר גרויס.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דעם נייעם סערבישען מיניסטער־פרעזידענט, פון דעם סערבישען מיליטער, פון דער דאוויביק צווישען זעמלין און בעלגראד און עטליכע בילדער ווי אזוי די עסטערייכישע זאלדאטען פערברענגען דעם ווינטער אין באסניען־הערצעגאווינא.



קעניגען ווילהעלמינא פון האלאנד.

# מאנעווער אים ווינטער.

מאנעווער זענען זעהר א טהייער פערגעניגען, ריכטיגע מאנעווער זענען נישט בלויז דאס ווירקליכע בילד פון אן ערנסטען קריעג, נאר זיי קאסטען אויך היבש געלד.

מאנעווער אים ווינטער וואלטען נאך מעהר ברויכען צו קאסטען, ווייל אויסער אלע געוועהנליכע הוצאות וואלט מען נאך בעדארפט מאכען פאר די זאלדאטען בעזאנדערע ווארמע קליידער און דאס אונטערברענגען פון גרויסע מאסען מיליטער אים ווינטער איז אויך זעהר שווער.

די ערפאהרונגען פון די לעצטע קריעגע האבען אבער געוויעזען, אז ס'איז נויטהיג, די זאלדאטען צו געוועהנען אויך צו גרעסערע מארשע אים ווינטער, כדי אים ערנסט־פאל, ווען עס זאל אויסברעכען א קריעג יוסט אין דער קאלטער צייט, זאלען זיי זיין געניגענד געאיבט און פארבערייטעט דאצו.

אין עסטערייך פלאנט מען שוין זייט יאהרען, אבצוהאלטען גרויסע ווינטער־מאנעווער. ביז איצט איז דאס נישט צושטאנד־געקומען, ווייל די קריעגס־פערוואלטונג האט נישט בעקומען דאצו בעווילינט די נויטהיגע געלדער.

איטאליען איז דער ערשטער אייראפעאישער שטאאט, וואס האט זיך ערלויבט אזא אויסגאבע. אין דיעזען ווינטער זענען דארט אבגעהאלטען געווארען מאנעווער אים געבירגע, צווישע די טיעפע שנעע'ן און אין די קעלטעסטע געגענדען.

ס'איז זיכער, אז איצט וועלען שוין אויך די אנדערע שטאאטען דאס נאכטהון און די זאלדאטען וועלען האבען דיעזע שווערע ארבייט צוויי מאל אין יאהר.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער עטליכע בילדער פון די איטאליענישע מאנעווער אים ווינטער.



א ראָמאַנטישע שמחה: דאן מיגועל פון בראגאנצא און זיין פרוי.

גלעזערנע־ שאפע אונטער שטרענגער בעוואכונג פון ערצטע אין האלב בערלין נעהמט זיי אנקוקען.

ביידע װילען פאסטען דורך 4 טעג. נישט גע־ניעסענדיג אפילו א טרינק װאסער. לעת־עתה פאסטען זיי שוין איבער 2 וואכען און בעפינדען זיך דאבייַ גאנץ גוט — װען ס׳ליגט דא נישט פאר עפּיס א נייַער מין שווינדעל...

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון די בייַדע הונגער־קינסטלעריגען, מיס סערוואל, אין איהר גלעזערנעם שראנק און פרייליין מראטעק אין דעם ערשטען און אין דעם צעהנטען טאג פון איהר פאסטען.



די הונגערקינסטלערינען אין בערלין.

## דר. אדאלף מ. ראדין.

אין ניו־יארק איז געשטארבען דער בעוואוסטער פרעדיגער און פילאנטראפ דר. אדאלף מ. ראדין, 61 יאהר אלט.

דער פערשטארבענע, געבוירען אין רוסלאנד, סובאלקער געבערניע, האט שטודירט אין דייטשלאנד. איז געוועזען א צייט ראבינער אין מעזש, קעמפען (פּרייסען), אין קאליש און אין לאדז. איבעראל האט ער זיך גע־וויזען אלס ענערגישער כלל־טהוער און אין אלע דיעזע שטעדט עקסיסטירען נאך ביז היינט הומאניטערע אינס־טיטוציעס, וועלכע האבען איהם זייער גרינדונג צו פער־דאנקען.

אים יאהר 1886 איז דר. ראדין בערופען געווא־רען אלס ראבינער קיין עלמאירא (אמעריקא), וואו ער האט געווירקט 4 יאהר. דערנאך איז ער געקומען קיין ניו־יארק אין טעמפעל „שערי־תקוה“ און זייט 1897 איז ער געוועזען פרעדיגער אין דער פיפעלס־סינאגאגע, און ערזיקיישאנעל אליאנס.

אין ניו־יארק, אין דער גרעסטער יודישער קהלה פון דער וועלט האט דער פארשטארבענער געפונען פאר זיך דעם ריכטיגען פלאץ. דא האט ער ענטוויקעלט א זעגענס־רייכע טהעטיגקייט לטובת־הכלל, וועלכע האט גע־פונען די גרעסטע אנערקענונג אין אלע קרייזען, אלס נאציאנאליסט, אלס פריינד פון העברעאיש, אלס וואר־מער יוד האט ער אבגעגעבען אין גאנצע פרייע צייט פאר זיינע ברידער און זיינע לייסטונגען זענען געוועזען גרויס־ארטיג.

אלס פובליציסט איז ער אין פיעל וויכטיגע פראגען אויפגעטרעטען אלס פערטהיידיגער פון די יודישע אינטער־רעסען; אלס פילאנטראפ האבען איהם טויזענדער אַרימע און ליידענדע פיעל צו פערדאנקען און אלס פרעדיגער האט ער אויסגעשטרייט דעם הייליגען זאמען פון עכטער יודישקייט ביים יונגען דור, ערוואַרטענדיג א רייכע ערנטע.

זיינע פערדיענסטע וועלען בלייבען לזכר עולם. הנצב״ה.

---

## דאס טירקישע פארלא־מענט.

שוין עטליכע חדשים זייט דאס ערשטע נייע טיר־קישע פארלאמענט איז פערזאמעלט, אבער ביז איצט האט עס נאך נישט געהאט קיין צייט. אויסצואַרבייטען די וויכטיגסטע געזעצע און דאס לאנד פיהרט זיך רע־הוייל לויט דער פעראלטעטער פערפאסונג פון יאהר 1876. די קאנסטיטוציע איז איבערינגס נישט אים גאנצען לאנד איינגעפיהרט; עס גיבט גאנצע געגענדען, בעזונדערס אין קליין־אזיען, וואו עס הערשען נאך ווייטער די פאשא׳ס אזוי ווי פריהער און די בעפעלקערונג פיהלט גאר נישט, אז אין לאנד איז געקומען א ענדערונג.

די אורזאכע דאפון איז, וואס אים פארלאמענט גופא האבען זיך די פערהעלטניסע נאך נישט געקלערט: די פארטייען בילדען זיך ערשט און מען איז וועגען פיעל וויכטיגע פראגען נאך נישט איינייג צווישען זיך. דאצו קומט נאך, וואס א צייט לאנג איז מען שטארק בעשעפ־טיגט געוועזען מיט דער אויסערליכער פאליטיק, מיט באסניען און בולגאריען, און אויך איצט נאך, חאטשי דער אויסגלייך מיט עסטעררייך איז שוין אונטערגעשריבען און מיט בולגאריען דארף דיעזע טעג דער אויסגלייך פערטיג ווערען, איז די אייסערע פאליטישע לאגע נאך אליין נישט אים גאנצען רוהיג און דאס פארלאמענט קען נישט געפינען די נויטהיגע געדולד, זיך צו בעשעפ־טיגען מיט די רעפארמען אים אינערן.

די ערשטע סעסיע האט געזאלט דיעזע טעג ווערען געשלאסען, דאס פארלאמענט האט פערלאנגט, מען זאל זי פערלענגערן אויף עטליכע וואכען און דער סולטאן האט דאס בעוויליגט.

דער נייער גראסוועזיר, הילמי פאשא, בעזיצט פארלייפיג דאס פולע פערטרויען פון פארלאמענט, כל־זמן ער האט גאר נישט אויפגעטהון. ק׳ים אבער וועט ער זיך נעהמען צו די וויכטיגערע רעפארמען, וועלען זיך אנ־הייבען נעגען איהם די אינטריגעס און ס׳איז א ספק, אויב ער וועט זיך קענען האלטען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פון א זיצונג אין דעם טירקישען פארלאמענט. אין דעם מאמענט, ווען דער גראס־וועזיר האלט זיין ערשטע רעדע.



א פערברענט קינד

# דוד שפירא, דער בעפרייער פון פראג

## היסטארישער ראמאן אוים דער צייט פונ'ם דרייסיגיעהריגעז קריעג

בעארבייטעט נאך א. ע בראכפאגעל.

(אכטע פארטזעצונג) *).

צוועלפטעס קאפיטעל.

דער בלוטיגער קאמפף האט שוין געהאלטען כמעט בײם סוף. די שוועדען האבען קיין סך נישט מעהר געקענט אויסשטעהן. גוצלאו זענען געווען אלע זייערע אנשטרענגונגען.

צוואר האבען זיי דעם אנדערן טאג, נאך דער רענקווירדיגער אקסען־שלאכט, ארויפגעפיהרט קאנאנען אויף דעם גאנצ'ן געבליבענעם טהייל פון דער בריק און האבען דורך 14 וואכען כסדר בעשאסען דעם אלט־שטעדטער טהורם און די שטאדט.

אבער דער טהורם, האטשי בעקומענדיג פיעל לעכער, איז געבליבען שטעהען צום ט־אטש'ן פון די שוועדען און דער אלטער ר' שמעון שפירא האט נישט אויפגעהערט, צו זיצען אויף איהם טאג ווי נאכט. דאס יודישע פעלדצייכען, דער וויים־בלויע „מגן־דוד" איז געבליבען גאנץ און האט די גאנצע צייט בעשיינט דעם קאמפף־פלאץ.

פון די מויערן און פונ'ם קאסטעל האבען דוד שפירא מיט זיינע יודישע זאלדאטען דאס פייער כסדר מיט גרויסער ווירקונג ערווידערט; פון דער מזרח־זייט אבער, וואו דער שוועדישע גענעראל וויטענבערג האט די שטאדט בעלאגערט, זענען געשטאנען די שטודענטען און די קרייצהערען אונטער דעם קאמאנדא פון די גענעראלע קינסקי און גראף שטערנבערג און האבען אלע אנגריפע פון די שוועדען צוריקגעשלאגען.

די גאנצע צייט, וועלכע דער קאמפף האט געדויערט, איז געווען די גרעסטע איינינקייט און פריינדשאפט צווישען די יודען און קריסטען, צווישען דעם אדעל און פאלק, צווישען די שטודענטען און בירגער. די געמיינזאמע נאטה האט זיי אלע פעראייניגט ווי ברידער.

---

די שוועדען האבען שליסליך איינגעזעהען, אז זייער גאנצער קאמפף איז אומזיסט, און זיי האבען זיך אנגעהויבען ביסלעכווייז אבצוריקען פון דער שטאדט. וואס נעהנטער עס זענען געקומען די היילינע יודישע ימים־טובים, די ימים־נוראים, אלץ שטילער און שטילער איז געווארען ביי דער בריק און בײם אלט־שטעדטער טהורם. „סליחות" האבען די יודען נאך געזאגט אויפ'ן פעלד. ראש־השנה האבען זיי זיך געקענט פערזאמלען אין זייערע שוהלען ווי יעדעס יאהר, נאר איבערלאזענדיג א קליינע וואך בײם טהויער.

אויך אים יום־כפור זענען זיי נישט מעהר געשטערט געווארען. די קליינע וואך, וועלכע מען האט איבערגעלאזט בײם טהויער, האט בלויז צוגעקוקט, ווי די שוועדען ברעכען אב זייער לאגער און ציעהען צוריק זייערע קאנאנען.

אין די אלט־ניי־שוהל האט דער רב ר' שמעון שפירא אים יום־כפור פאר מוסף געהאלטען א ערגרייפענדע רעדע צו זיינע ברידער.

„מיר האבען א שווער יאהר דורכגעלעבט, טהייערע ברידער — האט ער געזאגט, אבער מיר קענען זיין צופריעדען! ווייל מיר זענען פערטריבען געווארען פון אונזער לאנד און האבען ארומגעוואנדערט אין דער פרעמד צווישען פערשיעדענע פעלקער, זענען מיר געווען צו שאנד און שפאט ביי אלע אומות, מען האט אונז געהאסט און פעראכטעט. איך ברויך אייך נישט אויסצורעכנען אלע צרות, וואס מיר האבען געהאט אויסצושטעהן אין גלות... זיי זענען פערשריבען מיט בלוטיגע אותיות אויף די בלעטער פון אונזער געשיכטע, אין אונזערע קינות, תפלות, סליחות און פזמונים.

צום ערשטען מאל אבער אין גלות האבען מיר אונז ערקעמפפט די אנערקענונג פון אונזערע שכנים. האבען מיר בעוויעזען, אז מיר זענען גלייך מוטהיג מיט זיי און גרייט צו שטארבען פאר דעם לאנד און פאר דער שטאדט, אין וועלכער מיר וואהנען; צום ערשטען מאל האבען מיר בעוויעזען, אז מיר האלטען טריי די ווערטער פון אונזער גרויסען נביא ירמיהו: „ודרשו את שלום העיר אשר הגלתי אתכם שמה כי בשלומה גם לכם שלום!"

אונזערע קריסטליכע מיטבירגער וועלען אונז נישט מעהר קענען פארוואַרפען, אז מיר זענען דא פרעמדע, מען וועט אונז נישט מעהר נאכווארפען שטיינער אויף די גאסען, וועלכע מיר האבען אנגעטרונקען מיט אונזער בלוט!... דער קייזער יר"ה און זיינע יועצים וועלען אונז בעווייזען זייערע חסדים און עס וועט זיך פאר אונז אנהייבען א בעסערע, גליקליכערע צייט!

איצט אבער וועלען מיר מאכען א „יזכור" די היילינע נשמות פון אונזערע ברידער, וואס זענען געפאלען אין דעם איצטיגען קאמפף. זיי האבען מיר צו פערדאנקען, ווען אונזער לאגע וועט זיך איצט בעסערן און זיי וועלען דארט, אויבען אים הימעל, פאר אונז זיין גוטע מליצים, אמן!"

מיט א טיעף־ערגרייפענדער שטימע האט דער רב אליין פארגעלייגט דעם „יזכור", און קיין אויג איז נעבליבען טרוקען בײם דערמאנען די נעמען פון די, וואס זענען געפאלען ביי דער פערטהיידיגונג פון פראג..."

---

שנעלער ווי זיי זענען געקומען, האבען די שוועדען געריימט די שטאדט. די יודען האבען געקענט פייערן „סוכות", דעם זמן שמחתנו, מיט אמת'ער פרייד. אויף די גאסען האבען זיי ארומגעטראגען די ארבעה־מינים, די לולבים מיט די אתרוגים, ווי די אמת'דיגע זיעגער אלס צייכען פון זייער טריאומפף...

אין דער נאכט פונ'ם 21 אקטאבער האט דער לעצטער שוועדע פערלאזט די שטאדט. ס'איז גראד געווען אים שמחת־תורה. אין דער אלט־ניי־שוהל איז מען געראדע ארומגעגאנגען מיט די הקפות, ווען די וועכטער פונ'ם אלטשטעדטער טהורם האבען געבראכט די בשורה אז די לעצטע שוועדען זענען שוין אוועק.

די גאנצע שטאדט האט אילומינירט. אלע בירגער האבען זיך אומארמט, וויינענדיג פאר פרייד. ר' שמעון שפירא און זיין זוהן דוד זענען ארויסגעגאנגען צום טהורם, בעגלייטעט פון דער גאנצער קהלה, און האבען אראבגענומען די פאהן מיט'ן „מגן־דוד", וועלכע מען האט ארומגעטראגען דורך אלע גאסען מיט גרוים פאראד, ביז אין דער אלט־ניי־שוהל אריין. דארט געפינט זי זיך נאך ביז היינט.

צוויי טעג שפעטער, אם 26 אקטאבער, האט מען אונטערגעשריבען דעם וועסטפאלישען פריעדען. די שוועדען האבען פערלאזט דייטשלאנד, האלב פערוויסטעט און רואינירט. דער בלוטיגע, 30־יעהריגע קריעג האט זיך געענדיגט.

---

דרייצעהנטעס קאפיטעל.

אים פראגער יודענפיערטעל איז ווידער שטיל רוהיג. דער קאמפף האט אויפגעהערט. און מיט איהם אויך די מענשליכע פערבריידערונג און גלייכהייט. די העלדענטהאטען, וועלכע ר' שמעון שפירא און זיין זוהן דוד שפירא האבען בעוויעזען, דער בעוואונדערונגס־ווערטהע מוטה פון די יודישע קעמפפער, די פפלעגע פון די קראנקע און פערוואונדעטע דורך די יודישע פרויען מיט שרה שפירא און אסתר קאטץ אין ערשטער ליניע, — אלעס יאס האט מען שוין ווידער פערגעסען. דער יוד איז ווייטער געבליבען דער — יוד. דער קריסט איז זיך ווייטער — קריסט... צווישען ביידע ליעגען די מויערן פון גהעטא, די פריהערע גרעניצען, וואס שיידען זיי אב פון איינאנדער ענג און שטרענג.

אין דער יודענשטאדט איז נאך דעם בלוטיגען קאמפף־רויש, נאך דער שטארקער בעגייסטערונג, ווידער איינגעטרעטען מידקייט, טריבע אויסניכטערונג און קרענקונג. דער טויט האט צווישען די יודישע פאמיליעס געפאדערט פיעל קרבנות, ס'איז פאסט קיין הויז איבריג געבליבען, וועלכעס ס'זאל נישט האבען צו בעקלאגען א טויטען אדער א פערוואונדעטען.

די איינציגע, וועלכע דער טויט און דעם פיינד'ס קוגעלן האבען פערשוינט, זענען געווען דער רב ר' שמעון שפירא און דער פארשטעהער יואל צמח. אבער דאפאר האבען זיי געהאט צו זאגען פאר דער גאנצער געמיינדע, צו שטיצען די ארימע, צו פפלעגען די קראנקע און צו טרייסטען די טרויריגע. אויך דוד שפירא, דער בעפרייער פון פראג, און זיין טרייער פריינד, אליי דער שוחט, האבען זיך כסדר בעטהייליגט אין דער וואהלטהעטיגען ארבייט. איבעראל וואו זיי זענען געקומען, האבען זיי מיטגעבראכט הילף, לינדערונג און טרייסט. זייער בלויז ערשיינען פלעגט אויפרעכטען די געבייגטע און שטארקען די צעבראכענע הערצער.

אויך אסתר קאטץ און איהר פריינדין טאבעלע קארא זענען נישט מיעד געווארען, צו בעזוכען די פערוואונדעטע און זיי צו פפלעגען. עס האט זיך אפט גע־טראפען, אז ר' שמעון שפירא מיט זיין זוהן זענען צוזאמענגעקומען ביי די קראנקע מיט אסתר קאטץ און טאבעלע קארא. אבער אזוי ווי זיי זענען געקומען, אזוי זענען זיי ווידער אוועקגעגאנגען, די ביידע פאמיליעס האבען מיט איינאנדער זעהר זעלטען פערקעהרט.

מיט דער צייט האט אויך דיעזע ארבייט פאר דעם רב און פאר אסתר קאטץ אויפגעהערט. אין די טויטע האט מען פערגעסען, די קראנקע זענען ביסלעכווייז געזונד געווארען. דאס אלטע לעבען האט זיך ווידער אנגעהויבען. די זיכערהייט, אז דער פריעדען איז שוין ענדגילטיג אבגעשלאסען און מען ברויכט שוין נישט צו ציטערן פאר א נייעם איבערפאל, האט די ערשראקענע בערוהיגט און די פראגער יודען האבען זיך צוריקגענומען צו זייערע געשעפטען. האנדעל און וואנדעל לעבען ווידער אויף. די יודישע געמיינדע האט איצט נייע דאגות, נייע האפנונגען און נייע ערווארטונגען.

אסתר קאטץ האט זיך איצט נאך מעהר ווי פריהער פון יעדען צוריקגעצויגען, גאנצע טעג זיצט זי ביי זיך אין דער היים, זעלטען וויזט זי זיך אויף דער גאס. אויך איהר אייגערעס האט זיך שטארק פערוואנדעט. איהר פנים איז בלאס. איהר געשטאלט איינגעבויגען, איהר בליק אראבגעלאזט; נישטא מעהר דער פריהערינע שטאלץ, די פונקעלדיגע אויגען, די מאיעסטעטישע האלטונג. זי טראגט אויך נישט מעהר איהרע העלע זיידענע קליידער מיט די דיאמאנטען און פערל. איינפאכע, שווארצע קליידער בעדעקען איהר שלאנקען קערפער און איהר גאנצע ערשיינונג האט אויסגעזעהען, ווי פון א בעל־תשובה, וואס וויל אבקומען פאר זיינע זינד.

ס'איז שוין דער צווייטער שבת, נאכדעם ווי די שוועדען זענען אוועק פון פראג. אין אלע יודישע הייזער ברענען די שבת־ליכט, אויף די טישען ליעגען די פרישע חלות, די אויסגעפוצטע גלעזער און אין די פלעשער גלענצט דער ריינער וויין. ס'איז פרייטאג צו־נאכט נאך

*) נייע אבאנענטען ערהאלטען די פריהעריגע פארטזעצונגען אויף פערלאנגען גראטיס צוגעשיקט.



ווינטער-מאנעווער אין איטאליען

# די קעניגין פון האלאנד.

די קעניגין ווילהעלמינא פון האלאנד איז איצט די איינציגע ווייבליכע הערשערין אויף דער וועלט. זי איז אלט 29 יאהר; אויף דעם טהראן איז זי געקומען אים יאהר 1890, קוים 10 יאהר אלט, ביז צו איהר פולליעה־רינקייט האט איהר מוטער פון איהר־עט־וועגען געפיהרט די רעגיערונג.

קעניגין ווילהעלמינא איז די לעצטע פון דער דינאסטיע אראניען, מיט איהר שטארבט אויס דאס גאנצע

דריימאל אבער האט שוין די קעניגין מפיל געוועזן און דאס פאלק איז זיך שוין מיאש געוועזן פון א טראנספאלנער.

איצט אבער זענען די ערצטע פון קעניגליכען הויף מודיע די בשורה, אז די קעניגין איז ווידער אין „גע־בענשטע אומשטענדע" און אז זי איז שוין אריבער די קריטישע צייט, ווען מען האט בעדארפט מורא האבען פאר א מפיל... מען רעכענט, אז זי וועט ענטבינדען ווערען אין עטליכע וואכען ארום און דאס גאנצע פאלק ערווארט [illegible]



ווינטער-מאנעווער אין איטאליע.

געשלעכט און די האלענדער וואלטען זיך געמוזט זוכען א נייעם קעניג.

זייער גאנצע האפנונג איז געריכטעט אויף דער יונגער קעניגין, וועלכע איז זייט 8 יאהר פערהייראטהעט מיט'ן הערצאג היינריך פון מעקלענבורג. אז זי וועט נאך האבען קינדער און די מלוכה וועט בלייבען דער האלטען ביי דער איצטיגער דינאסטיע, וועלכע האט זיך ערוואָרבען גרויסע פערדיענסטע אים לאנד.

אלע שטערט גרייטען שוין אן פייערענטע פאר דעם קינפטיגען קעניג (אדער אפשר גאר קעניגין!), מען פערטיגט אן וויעגליך, וועגעליך, קליידליך, קישעליך און שפיעליערייען פון גאלד, זילבער און די פיינסטע שטאפען.

אלע דיעזע פארבערייטונגען בעווייזען, ווי בעליעבט די יונגע קעניגין וואס איהר בילד ברענגען מיר אין דעם היינטיגען בלאט, איז ביים גאנצען פאלק.



…ער-מאנעווער אין איטאליע.

# מיליטערישע לופט-באלאנס.

די קריעגס-פערוואלטונגען פון אלע לענדער האבען זיך צו דער ערפינדונג פון לענקבארען לופטבאלאנס און פלוג-אפאראטע צוגעהאפט מיט גרויס בעגייסטערונג. פאר די „קריעגס-קינסטלער" האבען דיעזע ערפינדונגען דעם גרעסטען רייץ און זיי וועלען פון איהר ציעהען דעם גרעסטען נוצען.

אין אלע לענדער בעשטעבט זיך די גענעראל-שטאבס, די בעסטע לופטבאלאנס צו ערפינדען און צו בויען; פון דער אנדערער זייט האט מען שוין אויסגע־קלערט א מין נייע סיסטעם פון קאנאנען, די לופט־באלאנס אומשעדליך צו מאכען.

מען מוז מודה זיין, אז די נייע מיני קאנאנען זענען בעסער געלונגען ווי די לופט באלאנס. וועלכע זענען טראטץ אלע פערבעסערונגען נאך נישט אזוי פאל־קאמען און פעהלערליך. ווי עס בעדארף צו זיין, תמיד פעהלט נאך עפּיס...

איצט אבער מעלדעט מען פון לאנדאן, אז די דאָרטיגע קריעגס-פערוואלטונג האט געבויט א מיליטער־עראפלאן, וועלכער איז דער בעסטער פון אלע ביזהעריגע און ביי אלע פראבען האט ער זיך ערוויעזען פאלקאמען אין אהן פעהלער.

די ענגלענדער, וואס האבען שטארק מורא פאר א „אינוואזיע" אין זייער לאנד דורך פרעמד מיליטער, קענען שוין איצט רוהיג שלאפען. זייער מיליטער-עראפלאן, פון וועלכען מיר ברענגען היינט א אייגענעל בילד, קען זיי שוין שיצען פאר א פלעצליכען איבערפאל.

# א דאפעלטע שמחה.

דער יונגער קעניג פון פארטוגאל, וואס זיין בילד האבען מיר געברענגט אין איינער פון אונזערע לעצטע נומערן, האט דיעזע טעג ערלעבט א דאפעלטע שמחה.

ערשטענס איז ער א חתן געווארען און דאס טאקי אזוי ווי ער האט געוואלט, מיט א ענגלישער פרינצעסין, א נאהענטער קרובה פונ'ם ענגלישען קעניג. ער וועט שוין איצט האבען א שטארקען צד אין טיש און ענג־לאנד וועט זיין רעגיערונג שטיצען אים נאטהפאל.

צווייטענס האט זיך זיין גרעסטער געגנער, דער הערצאג דאן מיגועל פון בראגאנצא וועלכער מאכט אנשפריכע אויף דעם טהראן פון פארטוגאל, דיעזע טעג אפיציעל ענטזאגט פון זיינע פאדערונגען.

די פאמיליע בראגאנצא האט פריהער געהערשט אין פארטוגאל און דערצאג דאן מיגועל בעהויפטעט, אז איינענטליך געהערט איהם די מלוכה. א סך לאנד עק־סיסטירט אויך א שטארקע פארטיי פאר איהם און דער קעניג האט נישט בלויז מורא געהאט פאר די רעפובלי־קאנער און אנארכיסטען, נאר אויך פאר דער בראגאנצא־פארטיי.

איצט קען ער רוהיגער אויפאטהמען, דאן מיגועל ענטזאגט זיך פון זיינע פאדערונגען און וועט איהם נישט מעהר בעלעסטיגען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס בילד פון דעם הערצאג דאן מיגועל און פון זיין פרוי. וואס זייער ענטשלוס איז א וויכטיג פאליטיש ערייגניס.

# א דריי-יעהריגער קאיזער.

דריי יאהר איז אלט דער קאיזער פון כינא. וועל־כער הערשט איבער דעם גרעסטען שטאאט אין דער וועלט. איבער 420 מיליאן מענשען.

„הערשען" הערשט ער איינענטליך נישט; אים נאמען פון דעם קאיזער פו־יי, רעגיערט לעת-עתה דער פרינץ — רעגענט טשון, ביז דער קאיזער וועט ווערען פולליעהריג. אבער אויך רעמילט. אויב ער וועט איבער־הויפט אויסוואקסען, וועט ער שווערליך קומען ראצו. צו „הערשען" איבער זיין פאלק. הערשען וועלען אנדערע. אזוינע מאכערס ווי פרינץ טשון, און ער. דער קאיזער



מיליטערישע לופטבאלאנס : דער ענגלישער עראפלאן.

אַליין וועט פערברענגען זיינע יאָהרען, צו ערלערנען די אַלטע כינעזישע שפּראַכע און ליטעראַטור. זיין פאָלק זעהט איהם קיינמאָל נישט; ער זעהט נישט זיין פאָלק. צוויי מאָל יאָהר פאהרט צוואר דער כינעזישער אַרוים פון זיין פּאַלאַסט דורך די שטראַסען פון פעקינג; אָבער דעמילט דאַרף זיך קיין מענש ווייזען אויף זיי. אַלע טהירען און פענסטער מוזען זיין פערהאנגען, אַלע גאַסען אבגעשפּערט...

אט אַזוי פערליערט דער קאיזער פון כינאַ זיינע יאהרען און עס איז איבער דעם גאר קיין חידוש נישט וואס דאס גרויסע, מעכטיגע וועלט־רייך מיט זיין אַלטער, גרויסער קולטור געפינט זיך אויף אַזאַ ניעדריגער שטופּע און ווער עס וויל נישט, רייסט פון איהם אב שטיקער.

דער גורל פונים איצטיגען קאיזער, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזערער היינטיגער נומער, איז אויך נישט בעסער: דאָס לאַנד קען פון איהם נישט פיעל ערוואַרטען.

# א קינד פערברענט.

אויף אַ הֶעכסט טראַגישען אופן איז פאַריגע וואך אין וויען אַ אַנדערטהאַלבען יאָהר אַלטעס קינד פערברענט געוואָרען.

די הילפסאַרבייטערין גראַס איז אַרויסגעגאנגען פון איהר וואָהנונג און האט איבערגעלאזט אויף אַ קורצע צייט צוויי קליינע קינדער. אַ דריי־יעהריג יונגעל און אַ אַנדערטהאַלביעהריג מיידעל אַליין אין שטוב. ווען זי איז אין אַ האַלבע שעה אַרום צוריקגעקומען ט־עפּט זי דאָס קליינע מיידעלע ליעגען אין וועגעלע, גאַנץ פערקאָהלט. דעם יונגעלע האט גאר נישט געשאַדט. גאר דער רויך האָט איהם אַביסעל געשטיקט. די אונגליקליכע מוטער אַלאַרמירט די איינוואהנער פון הויז. מען טעלעפאָנירט נאך דער ראטונגס־געזעלשאַפט, אָבער העלפען קען מען שוין נישט מעהר. דאס קינד איז טאטאַל פערברענט.

ווי אַזוי דאָס אונגליק האט זיך ערייגנעט, איז נישט בעקאַנט. אין שטוב האט נישט געברענט קיין פייער. ס'איז אויך קיין שום פייערגעפעהרליכער שטאף נישט געווען. מען רעכענט, אַז דאָס קינד האט זיך גע־



[illegible]

מוזט שפּיעלען מיט צינדהעלצכען, וועלכע האבען זיך אָנגעצינדען און הער־בייגעפיהרט דאָס שרעקליכע אונגליק, פון וועלכען מיר ברענגען אַ אָריגינעל בילד אין אונזער היינטיגער נומער.

# בריעף פון לעמבערג.

אין לעמבערג האט דער מאגיסטראט געגרינדעט אַ גויישע „חברה קדושה". יאהרען־לאַנג האלט דער עולם אין איין שרייען, אַז די פּריוואַט־אונטערנעהמונגען אויף איבערפיהרען טויטע רייסען אוים דעם לעצטען גראָשען ביי די לעבעדיגע. האט מען צוליעב דעם איבערגענומען דאָס איבערפיהרען מתים אויף'ן שטעדטישען חשבון. — פערזאָרגען די לעבעדיגע מיט פרנסה, איז אַ שווערע זאַך. דירות און עסענוואַרג קען מען נישט פערבילינגען. וויל מען האטש בילינגער מאַכען די קבורה. דאָס לעבען איז אַזוי טייער, זאָל האטש דאָס שטאַרבען זיין בילינגער.

געלערנט האט מען עס פון יודען. פאַרהאַנען אויך ביי „זיי" אַזעלכע נאָכקרומער'ס, וואָס זוכען נאָכצוטהון אַנדערע, דאָס הייסט: אונז. אונזערע קהלות זאָרגען אויך מעהר פאַר טויטע ווי פאַר לעבעדיגע. כל־זמן אַ יוד לעבט, יאגט מען איהם און מען פּלאָגט איהם, ווי ווייט עס לאזט זיך נור; דעם ביסען פונים מויל בייסט מען איהם אַרוים און מען פערביטערט איהם דאָס חיות אויף כל האפנים. קוים איז אָבער דער יוד געשטאָרבען, האט מען שוין פאַר איהם „גאר איין אַנדערען דרך־ארץ". דאַן טראַכט מען, די קבורה צו פערבילינגען, אפי' דער ברמינן זאל וואָס גיכער קומען צו קבר־ישראל. די קבורה ביי יודען הייסט אויך נישט „בעגראָבען", נור טהון זיין רעכט. ווי איינער רעדט: אַ יוד דאַרף מען בעגראָבען! „סוף אָדם למות". אַ יוד דאַרף מען בעגראָבען.

נור ביי אַ נגיד וויל קהל נישט ליידען קיין שאָדען. כל־זמן דער נגיד לעבט, האט קהל הכנסה פון איהם. שטערבט מען דאַרורך, אָבצונעהמען ביים נבירים קבורה, וועניגסטענס אַזוי פיעל, ווי ער האט געקענט איינברענגען דער קהלה אין איין צעהנדלינג יאהרען. דאָס איז שוין אָבער נישט קיין פערטייערונג פון דער קבורה, דאָס איז נור אַזאַ מין ממלא־זיין דעם היזק, וואָס די קהלה האט צוליעב דעם נבירים טויט, אַ שטייער ווי די „הוצאות", וואס די רייכסראַטהס־אַבגעאָרדנעטע בעקומען ביים שליעסען פון אַ פּאַרלאַמענטס־סעסיאָן און ביי דער ווידעררעפנונג.

די רעגיערונג שלאָגט מיט איין האַנד און היילט מיט דער אַנדערער, מיט איין האַנד האט זי אַוועקגענומען ביי די אַבגעאָרדנעטע די דיעטען, וויל זי האט דעם רייכסראַטה געשלאָסען — און מיט דער אַנדערער האַנד וועט זי זיי אצינד בעצאָהלען די הוצאות פון וויען ביז צו זייער וואהלאָרט און פון זייער וואהל־אָרט ביז וויען. צוויי קראָנען מיט צעהן העלער פאַר יעדער מאָל וועגס אַהין און צוויי קראָנען מיט צעהן העלער פאַר יעדער מאָל וועגס צוריק — און דר. מ א ה ל ע ר למשל, בעקומט „רייזע־שפּעזען" פון וויען קיין טרעמבאָוולא און צוריק, האַטש ער וואָהנט סטאַביל אין וויען.

אני הוא.


# אגענטען

אויפצונעהמען

## אבאנענטען און אנאנסען

ווערען געזוכט.

גרויסע פּראָוויזאָן.

זיך צו מעלדען ביי דער אדמיניסטראציאָן פון דער יודישען אילוסטרירטען צייטונג אין קראקוי.

# רעטהזעל.

(די נעמען פון די אויפלעזער ווערען פער־עפענטליכט).

## שאך־אויפגאבע.

שוואַרץ.



ווייס.

ווייס ציהט אן און זעצט ביי׳ם דריטען צוג מאַט.

די אויפלעזונגען פון די פיזהעריגע שאך־רעטהזעל קומען נעכסטע וואך.

## רעטהזעל אויפלעזונגען.

די אויפלעזונג פון רעטהזעל אין נו׳ 7 איז:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ע | ג | ע | ר |
| ג | ע | ר | א |
| ע | ר | נ | א |
| ר | א | א | ב |

ריכטיגע אויפלעזונגען האָבען איינגעשיקט:
שמואל בולק, סאַנדאַווא־ווישניא. ליפא רובינפעלד, סאַנ־דאַווא־ווישניא. מיכל פוסמאַן, רישא. משה ליעבערמאַן סאנדאַווא־ווישניא. הערמאַן קאַפיטא, נאַרליצע, זיגמונד אפפעלגרין און מרדכי פריליך, סטאראסאל. מרדכי הארגונג, רישא. משה ליעבערמאַן, סאַנדאַווא־ווישניא. יאקאב עקערט, דראהאביטש. יצחק שיפף, סאנאק. יוסף גרינער, ברזעזאני. שמחה קופפערמאַן, הושיאטין. גרשון ווינצעלבערג, טארנאָוו. ווינדעל רוהרבערג, זאלקיעוו. אייזיק יעטשעס, פאדוואלאטשיסקא. יעקב ליבוש ציגלער, סאנ־דאווא־ווישניא. איזאק זינגער, כאוואַ־אסראבלא ביי יא־יאסלוי. שלמה בעסטער, באָריסלאוו. משה גאדעל, זאלקיעוו. ישעיהו פייט, רימאנאוו. שמעון פאלאק, טאר־נאוו. ב. פעט, דעמביצא. לעמיל סאליק, סאנאק. משה שלאף, סאנדאווא־ווישניא. משה מארדער, הושיאטין, טודרוס רייצפעלד, ראווא־רוסקא. טוביה פרענער, פיעט־רישש.

## בריעפקאסטען.

צו מ ע ה ר ע ר ע: די פארטזעצונגען פון „דוד שפירא׳ וועלען קומענדע וואך אלע נייע אבאָנענטען, וואס האבען זיי פערלאנגט, צוגעשיקט ווערען.

הערש ליב שרייבער · ארעלא אלטשילער
מאורישים
טורקא עפ״נ סטרי. · קאמארנא.

# פרעמיעס

פאר די אבאנענטען פון דער

## „יודישען אילוסטרירטען צייטונג".

א) ווער עס אבאָנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא וועניגסטענס אויף א האלב יאהר, אריינשיקענדיג דאָס געלד אים פאָרויס, בעקומט די נאָכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האָכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראָמאַן „מאקס שפיצקאפף (יודישער שערלאָק האָלמעס)", וועלכע קאָסטען צוזאמען 3 קראָנען, בלויז

### פאר 1 קראָנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

יעדעס העפט ענטהאלט א גאנצען אָבגעשלאָסענע האָכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פאָרטזעצונג, מיט אַ שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאַלטען פאָלגענדע ערצעהלונגען:

1) געצוואונגען צו דער שמד...
2) באנקנאָטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהזעלהאפטער מאָרד.
5) דער שמוגגלער...
6) דאָס געפעלשטע טעסטאַמענט.
7) דער שפיאָן.
8) דער מערבען הענדלער.
9) דער באנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טויטען־גרעבער.
12) דאָס געהיימניס פון א מיליאָנער.
13) די דערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאָנער.
15) די נאכטוואנדלערין.

ב) אנשטאט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאָלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען יודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

**א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה,**

וועלכע קאָסטען 4 קראָנען, בלויז

### פאר 1.50 קראָנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

ג) ווער עס אבאָנירט די „יודישע־אילוסטרירטע צייטונג" אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאָרויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאָפף אדער די ספרי דר. רובין

### גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען ברויכען נאָר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען; האלב יעהריגע אבאָנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאָס געלד פאר דער פרעמיע.



PIECZĘCIE KAUCZUKOWE
DRUKARNIE DOMOWE, SZYLDY, NAPISY EMALIOWANE I ODLEWANE
WYKONYWA
ALEKSANDER FISCHHAB
KRAKÓW GRODZKA 50

Drukarnia
Józefa Fischera
w Krakowie - Grodzka 62.

Staranne i szybkie wykonanie
wszelkich robót drukarskich.

**Graetz**
Gesch. d. Juden 13 Bde
Meyer's u. Brockhaus
Konvers. Lexika 1908,
Brehm's Tierleben,
Kaufm. Bibliothek,
Spamers ill. Weltgesch.
Fremdworterbucher,
Worterbucher in allen
Sprachen,
Literaturgeschichte,
Samtl. Klassiker,
Handels- u. Sprach-
Wissenschaften etc.
**Alles in neuester Auflage u. in Prachtbänden gebunden**
liefert gegen Monatsraten v. K. 3 aufwarts
**A. Weissmann,**
**Podgórze** (Galiz.)

# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע מעטארען) האנדעלסקארעספאָנדענץ, דייטשע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האנדעלס- און וועכסעלרעכט, וואַרענקונדע, געאָגראפיע, שענשרייבען, וועלטגעשיכטע, עספעראנטאָ - וועלטשפראכע, סטענאָגראפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. ו.: קאָנן יעדערמאַן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים בריעפליכען וועגע אונד אין קורצער צייט גרינדליך ערלערנען. — האנאראַר מעסיג, — ביי גלייכצייטיגער איינלאזונג אין 4 לעהרפעכערן.

**Stenographie gratis**

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע. פראספעקטע געגען 15 העלער-אבבריעפע K. 1.50 פראנקאָ. ערפאלג גאראַנטירט!

**Erstes commerc elles Unterrichts-Institut.**
**Abteilung für briefl. Unterricht**
**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau 37.**



**Expedition** von **Gepack, Bagage, Ausgabe** von **Schiffs-** und **Eisenbahnbillets** nach allen Weltteilen.

## G. Schijus, Reise-Bureau,
## Wien, II. Mayergasse 3.

## Bandaże rupturowe

**Specyalny bandażysta, fachowiec od 25 lat**
**Ant. M. Mirkiewicz w Krakowie, Mostowa l. 4.**

poleca osobom cierpiącem na przepukliny pachwinowe paski różne własnego wyrobu oraz pasy brzuszne dobrej konstrukcyi jako znakomitość i nowość, — paski bez sprężyn swoich ulepszeń i wynalazków, mając ią dobroć w noszeniu że niesprawiają żadnych dolegliwości jak sprężynowe. Dla osób przy cięższych zajęciach p a s k e o c h r o n n e.
Udziela bardzo ważnych objaśnień w zastosowaniu noszeniu co dla początkujących staje się uleczalnem pod gwarancya.
(Objaśnienie także listownie).

מען ברויכט שוין נישט קיין שוך פון וויען צו בעציעהען!

ביים אונטערפערטיגטען בעקומט מען צו יעדער צייט די

## פיינסטע און בעסטע שוהע

היימישע ארבייט שטארק און גוט. גאראנטירט דויערהאפט

צו די ביליגסטען פרייזען

באקס, שעווראָ, דאמען־ העררען־ און קינדערשוהע די נייעסטע פאסאנען אין דער גרעסטען אויסוואהל.

קומט און איבערציינגט אייך!

**Emanuel Bartkowski**
Schuhwaren-Niederlage eigener Erzeugung
**Krakau, Krakauergasse 25.**

יצא: לאור מחדש בדפוס מהודר:

## תהלת הכסילים

או צואת באור בן חמור

הלצה

מאת דר. שלמה רובין.

הוצאה חדשה ומתוקנת ע"י המחבר. (ההוצאה הראשונה אינה במציאות)

המחיר 2 כתרים.

## שני לוחות הפילוסופיא

יכילו אמונות השניות (Dualismus) ודעות האחרות (Monismus)
בשלשת יסודות הפילוסופיא שהם: האלהים התבל והאדם.
מאת דר. שלמה רובין, (עם תמונת המחבר)

המחיר כתר אחד.

**JOSEF FISCHER, Buchdruckerei, Krakau, Grodgasse 62.**

## מיינע ביליגע פרייזע עררעגען איפזעהען!



איינע ניקקעל־אנקער־רעמונטואר־טאשען־אוהר מיט 36-שטינדיגען ווערקע, מארקע „סיסטעם־ראָסקאָפף פאטענט" זאמט שענער ניקקעלקעטטע אונד אנהענגער פל. 1.75, ביי אבנאהמע פון 3 שטיק פל. 5.— 6 שטיק פל. 9.50.

**IGNAZ ZYPRES,**
**KRAKAU, Oesterr. FLORYANERGASSE 49/c.**

רייכאיללוסטרירטע פרייזקוראנטע מיט 800 אבבילדונגען גראטיס אונד פראנקא.

## עפילעפסיע.

ווער עס אן פאללזוכט, קרעמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען לײדעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די
**Privil. Schwanen-Apotheke. Frankfurt a. M.**

# HOTEL-RESTAURANT
# Rosenthal
## Lemberg,
Rzeźnicka.

## זעהר וויכטיג.

ווער אויף איינען נעבענפערדיענסט טעגליך K. 25 דורך דען פערקויף פאן גזעצליך געשיטצטען ארטיקעלן רעפלעקטירט, רער ריכטע זיינע אדרעססע אן:
**M KERN in Posada Olchowska**
bei Sanok.

## זאדראוואסער־מאשינען



קופפער־
צילינדער,
סיפאן
אונד
לימאנאדען־
פלאשען

ליפערט
שפוינענד ביללינ:

**Brückenstein Lemberg, Panieńska 15**

Spezial-Verkehr nach Sud-Russland.
**N. Katzner, Spedition u. Kommission**
Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow
Feste Durchfrachten von und nach Russland.
Expert von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen
**Steinkohlen, Antracit und Koks.**
Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.

# הגדה של פסח.

# HAGADA NA PASCHĘ

Tłómaczył i objaśnił

## SALOMON SPITZER

Dyrektor szkoły wydziałowej i t. d.

Wydanie czwarte poprawione z licznemi artystycznemi illustracyami.

**Cena 40 hal. oprawne.**

Do nabycia w każdej księgarni i u tłumacza.

**Przy większym odbiorze znaczny rabat.**

Telefon Nr. 484 ※ Unternehmung fur elektrische Beleuchtung & Kraftübertr. gung ※ Telefon Nr. 484.



# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

**Gerichtlich beeideter Sachverstandiger**

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grosse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen für Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsägen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Paläste etc.

Bau von schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke.

Grösstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskorper.

**Projekte, Kostenanschlage und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.**

---

**Lecznica chirurgiczna Zakład Roentgenowski**

**Dr. Artura Frommera**

Godziny ord. 9—11 przedpoł. 3—5 popoł.

Kraków, Tomasza 18. Róg ul. Floryańskiej

Telefon Nr. 81.

---



**Maszynki do strzyżenia włosów**

**po Kor. 3.80 h.**

poleca

Skład towarów żelaznych i stalowych

Bernard GRESCHLER, w Krakowie

UL. GRODZKA 43.

---

**ZAKŁAD WODOLECZNICZY i SANATORYUM**

Spec. chor. nerwowych Dra B. Kupczyka

**Kraków, ul. Szujskiego 11.**

Wodolecznictwo parnia, kąpiele gorące powietrzne, swietlino-elektryczne, wodo-elektryczne, gazowe nasycane ciekłym kwasem węglowym (nauheimskie), sztuczne kąpiele mineralne, ciepłe wanny. — Elektryzowanie wszelkiego rodzaju. Masaz ręczny, wibracyjny, elektryczny. — Leczenie dyetetyczne, tuczne. Pokoje dla chorych.

**Wsazania:** Choroby układu nerwowego, żołądka, jelit reumatyzm, niedokrewność osłabienie ogólne, otyłość, skaza moczanowa, cukrzyca. Choroby serca i naczyń krwionośnych

---

# „השחר"

א נייע בוכהאנדלונג פיר ליטעראטור און קונסט

געגרינדעט דורך מ. קאפלאן.

אין ווארשוי, רימארסקא 16, טעל. 149-67.

אין דער בוכהאנדלונג „השחר" בעקומט מען אלערליי זשארגאנישע, העברעאישע, רוסישע, פאלנישע און אנדערע ביכער צו די בעסטע בעדינגונגען.

בוכהאנדלונג „השחר" ווערט איך בעזונדער בעמיהען אלע בעשטעלונגען פון פראווינץ פינקטליך און שנעל צו עפעקטוירען.

אין דער בוכהאנדלונג „השחר" איז דער גרעסטער אויסוואהל פון בילדער, אלבאמען, נאטען, און אנזיכטס־קארטען.

בוכהאנדלונג „השחר" נעהמט אן אבאנענטען אויף אלע אידישע און אלגעמיינע צייטונגען אין אלע שפראכען.

אין דער בוכהאנדלונג „השחר" בעקומט מען אלערליי שרייב־געציינ.

לעהרערס, חדרים, תלמוד־תורות און ביבליאטעקען בעקומען ראבאט.

א אויספיהרליכער קאטאלאג ערשיינט אין קורצען און ווערד ארויסגעשיקט אומזאנסט אויף יעדען וואונש.

דער אויסשליסליכער פערקויף פון אלע אויסגאבען „אביב" און א. כאהאנא אויס קיעוו איז אין דער בוכהאנדלונג „השח־".

די אדרעססע:

Buchhandlung „HASCHACHAR" Warschau Rymarska 16

---

Schönste

**Hochzeits-Geschenke und Verlobungsringe**

aller Art Uhren, Ketten. Juvelen, Gold, Silber und Neusilberwaren

**BILLIGST** bei Emil Goldwasser, Krakau, Grodgasse **Nr. 58**

Bitte die Adresse u. Hausnummer gefl. genau zu beachten.

---

**ARTHUR POPPER**

KRAKAU

chem. Waschanstalt und Kunstfärberei mit Dampfbetrieb.

Empfiehlt sich zum chem. Reinigen von Herren, Damengarderobe, Vorhange, Portiere, Talisem etc.

Ausführungen unübertroffen. Preise billiger als überall.

Provinz-Auftrage werden postwendend ausgefertigt und franko retouniert.

Wer auf einmal für 20 K. zum Reinigen oder Farben Gegenstande gi t, erhal 8% **Rabatt** oder einen Gegenstand gratis gereinigt.

Fabrik und Bureau

**KRAKAU**

Zwierzynieckagasse Nr. 25

Ausgezeichnet mit den grossen goldenen Medaile auf der Hygenischer Ausstelluug in Paris.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.